ת"ת תורה ויראה
דרב"י מסאטמאר
קרית יואל
בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

בעזהשי"ת


# זקניך ויאמרו לך

גליון
תתס"ג
פרשת תולדות
שנת תשפ"ה לפ"ק

ז' רצא) עס דערציילט אונז

**הגאון הגדול משיירי כנה"ג רבי אליקים שלעזינגער שליט"א ראש ישיבה הרמה**

## וויאזוי וואקסט א גדול בישראל?!

זיינע חשוב'ע עלטערן האבן געוואוינט אינעם עיר הבירה וויען, קומענדיג פון די דייטשע מדינות, און לויטן מהלך בימים ההם, האט זיין מוטער ע"ה געהאלטן אין שטוב א ראדיא, וואס ווי פארשטענדליך האט מען דעמאלטס בלויז געקענט הערן נייעס. און זייענדיג אין די תקופה נאך די ערשטע וועלט מלחמה איז דאס געווען מצוי אין מערערע חשוב'ע שטובער, כדי מ'זאל קענען וויסן די וויכטיגע נייעס.

ווען דער ראש ישיבה שליט"א איז אלט געווארן דריי יאר, און מ'האט זיך געגרייט צו אנהויבן לערנען א' ב', איז זיין פאטער הרה"ח ר' דוד זצ"ל אהיים געקומען און גענומען א שערל אין די האנט. האט ער בעפאר געפרעגט זיין אשת חיל "יעצט אז מיר גייען מכניס זיין דעם אליקימ'ל לתורה, ביסטו מסכים אז איך זאל קודם איבערשניידן דעם ווייער פון די ראדיא, כדי אז דאס קינד זאל קענען מצליח זיין און שטייגן?!", און די מאמע האט תיכף מסכים געווען, כאטש וואס לפי המצב איז דאס געווען זייער א שווערע זאך.

דער טאטע האט איבערגעשניטן די ווייער, און מ'האט דאס קעסטל ארויסגעטראגן פון שטוב, און אזוי איז געוואקסן איינער פון די גדולי ומאורי הדור לאיוש"ט אין א הייליגע ריינע שטוב. (משיח"ק מוצש"ק העעל"ט)

ז' רצב) עס דערציילט אונזער זיידע

**הרה"ג ר' עקיבא יוסף כהנא שליט"א** ר"מ בישיבה"ק

## א רבי, א גוטער פריינד

**כ"ק הרה"ק רבי יענקעלע מפשעווארסק זצוק"ל** (היארצייט כ"ז חשון) איז געווען זייער נאנט בידידות מיט מוח"ז **כ"ק אדמו"ר הרה"ק רבי הערשעלע מספינקא זצוק"ל**. עס איז געווען א לענגערע תקופה אין די אנהויב יארן אין אמעריקע ווען רבי יענקעלע האט געוויילט אין אמעריקע, און ער האט געהאט זיין אכסניא אין שטוב פונעם ספינקער רבי'ן אין די איסט-סייד.

עס איז געווען ווען עס איז געבוירן געווארן ביים זיידן א טאכטער למז"ט, איז די באבע ע"ה געווען אין א גרויסע סכנה ה"י, עס איז געווען א מצב וואס די דאקטורים האבן אויפגעגעבן ר"ל.

דער זיידע דער ספינקער רבי ז"ל איז אהיים געקומען פון שפיטאל, ער איז געווען שבור ורצוץ, און ער איז געגאנגען דאווענען אין סאטמארער ביהמ"ד. אין יענע תקופה איז רבי יענקעלע דא געווען אין וויליאמסבורג, און ער האט גלייך באמערקט אויפן זיידן אז ער איז זייער צובראכן, איז ער צוגעגאנגען צו אים און געפרעגט "וואס גייט פאר?! איר זעהט אויס פארוואלקנט?!", האט ער אים דערציילט דער שווערן מצב אין וואס די רביצין געפונט זיך.

רבי יענקעלע האט תיכף גענומען א תהלים'ל, און ער האט זיך באלד געשטעלט מתפלל זיין פאר איר. נאך עטליכע מינוט איז ער צוגעקומען צום זיידן און געזאגט "זי וועט האבן א רפואה".

האט אים דער זיידע געפרעגט "פון וואו ווייסט איר?" האט ער געענטפערט "איך האב מתפלל געווען, און עס איז געווען תפילתי שגורה בפי, עס איז געגאנגען אן קיין שום מכשול".

דער זיידע האט דאס שפעטער איבער דערציילט, האט ער געזאגט **"איך האב דעמאלטס געשפירט וואס מ'זאגט נאך פון צדיקים, אמאל ווערט מען געהאלפן ביי א גוטן פריינד מער ווי ביי א רבי'ן".**

ז' רצג) עס דערציילט אונזער זיידע

**הרה"ח ר' שמעלקא מארקוס הי"ו**

## ודברך אמת וקים לעד

איך האב געהאט א תקופה וואס איך האב געמאכט געשעפטן אין אנטווערפן, אין יענע יארן האב איך זוכה געווען צו זיין שטארק נאנט ביי הרה"ק **רבי יענקעלע מפשעווארסק** זלה"ה, און מקבל זיין הדרכותיו וברכות קדשו ביי מערערע געלעגנהייטן.

עס איז געווען בשנת תש"נ, ווען איך בין געפארן קיין אנטווערפן צו די חתונה פון בני בכורי הי"ו. אין יענע תקופה האב איך געברענגט לעכט פון האנג קאנג, עס איז אנגעקומען זייער א שווארכע שיפמענט, די לעכט זענען צורינען, און וויפיל כ'האב פרובירן צו טענה'ען אז זיי זאלן צוריק נעמען די סחורה, האבן זיי נישט געוואלט הערן דערפון. עס האט מיר אויסגעזעהן ווי איך בין דא אריינגעפאלן מיט א חברה גנבים, און איך וועל דא דערלייגן די גאנצע געלט.

איך האב אפגעווארט דעם **פשעווארסקער רבי'ן** ערב שב"ק נאך די מקוה און איך האב מזכיר געווען מיין פראבלעם. רבי יענקעלע האט מיך אויסגעפרעגט אלע פרטים פון די ביזנעס ממש ווי א ביזנעסמאן. דערויף האט ער מיר געזאגט "זיי זענען נישט קיין גנבים, מ'דארף רעדן, און רעדן, און רעדן ביז מ'קומט זיך דורך"... עס איז מיר געווען א חידוש די תשובה, ווען עס האט זייער אנדערש אויסגעזעהן. אבער, איך האב געטון וואס דער רבי האט געזאגט, און צום סוף האבן אלעס צוריק גענומען, און איך האב ב"ה נישט געהאט קיין שום שאדן.

ב. ווען איך האב אמאל מזכיר געווען ביים **פשעווארסקער רבי'ן** ז"ל איינער פון מיינע קינדער וואס איז עלטער געווארן און מ'האט ארויסגעקוקט אויף א שידוך, און איך האב אים געברענגט אן הבדלה פון מיין פאבריק. האט ער מיך געווונטשן "עס זאל לעכטיג ווערן ביי דיר", א וואך שפעטער איז מיין זון געווען א חתן למז"ט.

ג. ווען איך בין אמאל אריין מיט מיינע קליינע קינדער צו רבי יענקעלע ז"ל, האט ער געזעהן א גאר קליין קינד מיט א 'פישער פרייז' קאוט, וואס איז געווען געקנעפלט פון לינקס אויף רעכטס. האט רבי יענקעלע געזאגט "זאג די מאמע, אז מ'זאל איבערנייען רעכטס אויף לינקס"... עס איז געווען א מוסר השכל אז אפילו ביי אזא קליין קינד האט ער מקפיד געווען אז עס זאל זיין רעכטס אויף לינקס.

ד. עס איז געווען שוין אין די שפעטערע יארן, ווען דער רבי האט געהאט שוואכערע תקופות, ווען טיילמאל האט ער כמעט נישט גערעדט, און צומאל האט ער געזאגט קורצע ווערטער, און נישט אלעמאל האט מען פארשטאנען וואס ער זאגט.

איך בין אריין פרעגן איבער א שידוך, האט דער רבי געענטפערט 'קרוב'... איך האב נישט פארשטאנען די תשובה, בין איך אוועק געפארן פון דארט נישט פארשטייענדיג וואס דער רבי האט געזאגט. א צייט שפעטער האט זיך געפירט א שידוך פון אנטווערפן, פארן ענדיגן דעם שידוך בין איך אריין נעמען ברכת קדשו, האט ער זייער ווארים אנגעווונטשן, און געזאגט "האב איך דיר גוט אנגעווונטשן?!".

הערשט דעמאלטס האב איך זיך געכאפט אז דער יעצטיגער שידוך איז א נאנטער משפחה קרוב מיטן שידוך וואס מ'האט געהאט פריער אנגעטראגן, און דער רבי האט געזאגט אז מ'זאל גיין טוהן א שידוך מיטן קרוב.

ז' רצד) עס דערציילט אונזער זיידע

**הרה"ח ר' פינחס שפירא הי"ו**

## למען יאריך ימים על ממלכתו

איך האב זוכה געווען צו לערנען עטליכע יארן ביי מו"ר **הגה"ק בעל שבט הלוי זלה"ה**, און מקבל זיין פון אים אורחות חיים אויף כל ימי חיי.

במשך כל ימי חייו איז זיין סדר אכילה געווען זייער געמאסטן און געוואויגן, במשך צענדליגער יארן האט ער טאג טעגליך געגעסן די זעלבע סעודות אן קיין שום שינוי. (ער האט אמאל געזאגט אז במשך 50 יאר האט ער געוואויגן די זעלבע וואג, עס האט זיך נישט גערירט, נישט ארויף און נישט אראפ).

באחרית ימיו האט ער אין דעם תולה געווען דעם סוד פון זיין אריכות ימים, וואס ער האט אנגעהאלטן א גענויע סדר אכילה, אויסער וואס דער גאנצער טאג איז געווען מוקדש פאר תורה ועבודה, האט ער אויך געגעבן צייט צו גיין שפאצירן יעדן טאג לבריאות גופו, און די שעות צום גיין שלאפן איז אויך געווען זייער אויסגערעכנט עד זקנה ושיבה.

ער האט מער ווי איינמאל געזאגט אז 'זונטאג' איז ביי אים א שווערער טאג, היות די מאכלי שב"ק זענען געווען אנדערש ווי זיין סדר אכילה יעדן טאג, האט אים דאס גורם געווען יסורים.

עס איז געווען אין יענע יארן איינמאל שבת שובה אינדערפרי ביי די סעודה, נאכדעם וואס די רביצין ע"ה האט סערווירט די פיש, האט זיך אנגערופן איינער פון די מסובין על שולחנו 'די פיש שטינקט'... עס איז געווען א מציאות אז די פיש איז געווען פארדארבן, ומאיזה סיבה שהוא

האט דאס די רביצין ע"ה נישט באמערקט.

דער רבי האט אים געגעבן א שארפן בליק אז ער זאל זיין שטיל, כדי די רביצין זאל נישט הערן וואס ער האט געזאגט. ער האט גענומען יענעמס פיש, און ער האט אליין אלעס אויפגעגעסן, זיכער מאכנדיג אז די רביצין באמערקט נישט אז איינער האט דא וויניגער געגעסן צוליב דעם וואס די פיש איז פארדארבן.

שפעטער האט ער געזאגט "כ'האב שוין יארן נישט געהאט אזא גוטן זונטאג"... ד. ה. כאטש וואס ער האט געגעסן פארדארבענע מאכלים אין שב"ק אכטונג צו געבן אויפן כבוד פון די רביצין, האט מען געפירט מן השמים אז יענעם זונטאג איז אים געווען לייכטער פון סיי וועלכע וואך.

ב. בנוגע זיין אריכות ימים איז אינטערעסאנט צו דערציילן אז ווען ער איז אלט געווארן 100 יאר, האט ער דערציילט פאר די אייניקלעך אז ער האט באקומען דערויף א ברכה פון אליהו הנביא.

מעשה שהי', ווען ער איז אלט געווארן 84 יאר, ליל שב"ק בערך תשנ"ו, ביים 'גוט שבת' זאגן איז אנגעקומען א איד וואס האט אויסגעזעהן געקליידעט ווי פון ספרדי'שן אפשטאם, און ער האט אים געזאגט 'גוט שבת', און ער האט אים געזאגט **"עס איז שוין געקומען אייער צייט צו גיין פון די וועלט, אבער היות אלעם וואס איר האט געטון ביז היינט איז געווען לשם שמים, האט מען פארלענגערט די וויזע..."**

"פון דעמאלטס און ווייטער האב איך נישט געזעהן דעם איד...

ז' רצה) עס דערציילט אונזער טאטע

**הרה"ג ר' יחיאל מיכל בערקאוויטש שליט"א**

## כהנה ועוד אחד!

נאך מיין חתונה האב איך געוואוינט א תקופה אין בני ברק בצלו פון מו"ח **הגה"צ אדמו"ר מסערעדנא שליט"א**. אין איינע פון די טעג האב איך באגעגנט א איד א גרויסער תלמיד חכם פון ליטווישן אפשטאם, פון 'חזון איש' קרייז, און הערנדיג אז איך בין א זון פון **אאמו"ר הגאון הגדול דומ"ץ קרית יואל שליט"א**, איז ער זייער נתרגש געווארן, און ער זאגט מיר "כ'מוז דיר דערציילן א מעשה נורא".

דערציילט ער אזוי: אין ווינטער תשל"ט לפ"ק בין איך געקומען קיין אמעריקע נאך געלט פאר 'כולל חזון איש' אין בני ברק. אויפן וועג פון ניו יארק קיין מאנטריאל האט זיך דער דרייווער געוואלט אפשטעלן זיך אפרועהן, האב איך אים געבעטן אז דער אפשטעל זאל זיין אין קרית יואל, ווייל אזוי וועל איך קענען אריינגיין צום סאטמארער רב נעמען א ברכה.

אנקומענדיג צו ביתו נאוה קודש פון **כ"ק מרן רביה"ק זלה"ה** אויף בעיקערטאון רד. האט מען מיר געזאגט אז עס איז יעצט דא א דאקטער ביים רבי'ן, און דער רבי איז זייער אפגעשוואכט און עס איז בשו"א נישט שייך צו קענען אריינגיין. האב איך געפרעגט צי עס איז דא אין שטעטל א איד מיט וועמען מ'קען שמועסן אין לערנען. האט מען מיר געזאגט אז דא אין שטעטל איז דא דער דיין שליט"א, א גרויסער תלמיד חכם, און מ'קען מיט אים שמועסן אין לערנען.

איך האב גענומען דעם דיינ'ס אדרעס, און אריבערגעפארן צו זיין דעמאלטסדיגע דירה אויף קוויקוועי רד. און דארט האבן מיר גערעדט אין לערנען אין הלכות ברכת הפירות פאר אנדערטהאלבן שעה, עס איז אונז ביידע געווען א שעה של קורת רוח.

איידער איך בין ארויסגעגאנגען פרעגט מיך דער דיין פארוואס איך בין דא, האב איך דערציילט אז כ'האב פרובירט אריינצוגיין צום רבי'ן, אבער עס איז נישט שייך געווען.

דער דיין האט אנגערופן די משמשים בקודש און גע'שתדל'ט אז מ'זאל מיך אריינלאזן צום רבי'ן, און עס איז טאקע געקומען א הסכמה אז איך קען קומען. מ'האט מיר דארט אפגעשריבן א געהעריגן קוויטל, מיט די נעמען פון מיין משפחה מיט מיינע אכט קינדערלעך, און איך בין אריין צום רבי'ן.

דער רבי נעמט דאס קוויטל, און ער הייבט אן צו וואונטשן זייער ווארימע ברכות, ובתוה"ד זאגט דער רבי "איר זאלט האבן קינדער כהנה..." איך האב פארשטאנען אז דער רבי וואונטשט מיר אן נאך אכט קינדער... איך בין געווארן זייער איבערגענומען מלא התרגשות, אז דער צדיק הדור וואונטשט מיך דא אן נאכאמאל אזויפיל קינדער, און האב איך זיך זייער צעוויינט.

פרעגט מיך דער רבי "וואס גייט פאר? פארוואס וויינט איר?!", איך בין געווען אזוי מרוגש, און נישט געקענט מצמצם זיין די ווערטער, אבער דער רבי האט נישט נאכגעלאזט פרעגנדיג וואס גייט פאר, האב איך ארויסגעזאגט "כהנה, ותו לא?!..." האט זיך דער רבי צושמייכלט און געזאגט 'ועוד אחד'...

זאגט מיר דער איד, איך האב ברוך השם געהאט נאך ניין קינדערלעך, גענוי אזוי ווי דער רבי האט געזאגט, איך האב בליעה"ר א שטוב מיט זיבעצן קינדער, איך האב ממש לעצטענס חתונה געמאכט מיין אינגסטע טאכטער למז"ט. און ווען דאס קינד איז געבוירן ביים קידושא רבא האב איך אלעמען געזאגט אז דאס איז אויך א קידוש לרגל וואס עס איז אויסגעפירט געווארן ברכתו של אותו צדיק. דבר אחד מדבריו אחור לא ישוב ריקם.

ז' רצו) עס דערציילט אונזער זיידע

**הרה"ג ר' ישכר דוב הכהן גלאנץ שליט"א** הרב מבארדיוב

## דער 'מגן דוד' ארגער ווי דער 'שתי וערב'

א איד פון לאנדאן איז אמאל געפארן קיין אנטווערפן צו **הרה"ק רבי איציקל מפשעווארסק זלה"ה** און ער האט מיטגענומען א פלעשל 'ליפשיץ וויין', ער איז אנגעקומען פרייטאג נאכמיטאג שלום נעמען, און בשעת מעשה האט ער איבערגעגעבן דאס פלעשל וויין.

די וויין פלעגט האבן אויפן לעיבל א סימבאל פון א 'מגן דוד', האט זיך רבי איציקל אויפגעשטעלט און אריין אין קאך גענומען א מעסער און אראפגעשניטן דעם מגן-דוד פונעם פלעשל, ווען ער דרוקט זיך אויס דערביי **"דער מגן דוד האט שוין אויסגע'שמד'ט מער אידן ווי דער שתי וערב"**.... מיינענדיג צו זאגן אז אונטער דעם פאלשן שלייער פונעם 'מגן דוד' וואס האט אריינגעשלעפט אידן אונטער די ציוני'סטישע נעגל, האט שוין געקאסט מער קרבנות ווי דער נוצרי'שער שתי וערב.

ז' רצז) עס האט דערציילט אונזער זיידע

**הרה"ח ר' שמואל מארקאוויטש ע"ה** אנטווערפן

## צוהעלפן אין שטוב איז נישט קיין בזיון

עס איז אמאל אריינגעקומען א אידענע אינאיינעם מיט איר פאטער צו **הרה"ק רבי יענקעלע מפשעווארסק זלה"ה**, און זיך זייער אויסגערעדט איבער דעם שווערן מצב ביי זיי אין שטוב, ובפרט אז דער מאן לייגט נישט צו קיין פלייצע ארויסצוהעלפן אין שטוב, און דאס איז גורם אז דער שלום בית איז ווייט נישט מסודר.

ווען דער אינגערמאן איז שפעטער אנגעקומען צום פשעווארסקער רבי'ן מוצש"ק, האט אים דער רבי געבעטן אז ער זאל מיטקומען מיט אים אין שטוב אריין, און רבי יענקעלע האט געמאכט הבדלה, און באלד נאך הבדלה האט ער זיך געשטעלט צום סינק און אנגעהויבן צו וואשן די געשיר. דער אינגערמאן איז געבליבן שטיין געפלעפט 'דער רבי וואשט אליין די געשיר?!'. זאגט רבי יענקעלע "פארוואס נישט, איך העלף צו צום שטוב, יעדעס מאל וואס איך זעה אז עס ווערט שווער אין שטוב לייג איך צו א האנט און איך העלף צו אין שטוב".

דער אינגערמאן האט באלד פארשטאנען דעם רמז, און מאותו היום והלאה האט ער פארשטאנען וואס ער האט צו טוהן ביי זיך אינדערהיים, און די שלום בית האט זיך צוריק געשטעלט על מכונה.

ז' רחצ) עס דערציילט אונזער טאטע

**הרה"ג ר' אברהם יעקב יאקאב שליט"א** מח"ס ימים ידברו

## גלייבן אינעם כח התפילה

מיט יארן צוריק האב איך באגלייט **כ"ק דודי אדמו"ר מקארלסבורג שליט"א** ווען ער איז געגאנגען פאר די הייליגע טעג לבקר בהיכלו כבוד פון **כ"ק אדמו"ר הרה"ק רבי הערשעלע מספינקא זלה"ה, זיך מזכיר זיין פאר די ימים נוראים.**

דער ספינקער רבי ז"ל האט אים אויפגענומען מיט גרויס כבוד, און עס האט זיך געמאכט א ווארימער שמועס, בתוה"ד האט דער ספינקער רבי געזאגט "די סיבה פארוואס מ'זעהט נישט אזוי שנעל קיין ישועות ווען אידן ליידן פון די ביטערע מחלה ל"ע, איז ווייל מ'גייט צו צום תהלים'ל מיט אן אפיקורסות... ווען עס וואלט ווען געווען די זעלבע אמונה, אז דער רבש"ע וואס קען היילן א פארקילעכטס קען היילן די ביטערע מחלה, וואלט מען ווען געזעהן גרויסע ישועות".

ב. איך האב געהערט א מורא'דיגע דערהער פון **הגה"ק רבי בנימין ראבינאוויטץ** ז"ל בשם זיין הייליגן זיידן דער **יו"ד הקדוש** ז"ל.

עס זענען דא מענטשן וואס רעדן זיך אפ אז זיי זענען אזויפיל מתפלל אויף א געוויסע ישועה, און זיי ווערן נישט געהאלפן, אבער באמת איז דא ווען עס איז אנגעשריבן פון הימל אויף א יונגן מענטש אז ער זאל שטארבן ח"ו, נאר עס איז אנגעשריבן אז כך וכך טויזנטער תפילות קענען צורייסן די גזירה און ער זאל זוכה זיין צו אריכות ימים, אבער דער וואס איז מתפלל ווייסט נישט צו בעטן פאר זיין אריכות ימים, ווייל ער ווייסט נישט וואס איז אנגעשריבן אויף אים אים הימל, מה עשה הקב"ה אז מ'שיקט אים קליינע עגמת נפש, עס צורייסט זיך א שוך-בענדל, אויב האט ער שכל, און ער בעט פון הימל אז דער טאטע אין הימל זאל אים געבן געלט פאר א שוך-בענדל, די אלע תפילות דאס ראטעוועט אים פון די גזירה וואס איז אנגעשריבן פון הימל.

"דער בחור'ל מיינט אז ער האט מתפלל געווען און מ'האט אים נישט געהאלפן, ער אליינס ווייסט נישט אז מיט די תפילות האט ער צוריסן זיין גזר דין וואס איז געווען אנגעשריבן. עכדה"ק.

**כל הזכיות שמורות למערכת זקניך ויאמרו לך:** צו איבערגעבן הערות, סיפורי צדיקים - מנדב זיין א גליון לעילו נשמת,
אדער נעמען א טייל אינעם קומענדיגן חלק וואס גייט בקרוב אין דרוק בס"ד: ביטע רופט די מערכת **Tellerkj@gmail.com/845-783-0735**